**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/24/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון 102 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט ביי באפעלאו אוניווערסיטעט סקול פון ענדזשענירונג און פראקטישע וויסנשאפט געביידע**

***68 מיליאן דאלארדיגע פארפליכטונג פון פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט עפנט א קאנסטרוקציע פראיעקט צו העלפן מאכן וואקסן די סטעיט'ס STEM ארבעטסקראפט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון א 102 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו בויען א נייע געביידע פאר די באפעלאו אוניווערסיטעט'ס (University at Buffalo, UB) סקול פון ענדזשענירונג און פראקטישע וויסנשאפט (School of Engineering and Applied Sciences). פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט רעכנט אריין א 68 מיליאן דאלארדיגע פארפליכטונג אין די פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט. די נייע געביידע וועט זיין א היים פאר UB'ס סקול פון ענדזשענירונג און פראקטישע וויסנשאפט, און עס וועט ערלויבן די אוניווערסיטעט צו נאכקומען די העכערע פארלאנג זיך צו איינשרייבן, און אין די זעלבע צייט אונטערשטיצן די וואוקס פון די סטעיט'ס STEM ארבעטסקראפט.

"זייענדיג איינס פון SUNY'ס פראמינענטע אוניווערסיטעטן, אינוועסטירן מיר אין באפעלאו אוניווערסיטעט עס צו מאכן פאר אן ערשט-קלאסיגע פארשונג אינסטיטוציע צו מאכן א ספערע פון טעכנאלאגיע און פארשריט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונגען זענען גאר וויכטיג צו קענען טרייבן עקאנאמישע פארדינסטן דורכן צוציהען פירמעס צו ניו יארק'ס וואקסנדע פארגעשריטענע פארשונג צענטערן, שטיצנדיג די וואוקס פון דזשאבס אין STEM פעלדער און פארשטערקערן קאמיוניטיס פאר צענדליגע צוקונפטיגע יארן."

אין די פארגאנגענע 10 יאר אליין איז די צאל סטודענטן וועלכע האבן זיך איינגעשריבן אין די סקול פאר א בעטשעלאר'ס געוואקסן מיט מער פון 60 פראצענט, און די צאל סטודענטן וועלכע האבן זיך איינגעשריבן פאר א מעסטער'ס איז געוואקסן מיט 110 פראצענט. אין די פארגאנגענע הערבסט האט די סקול אנגענומען א רעקארד צאל פון 7,401 סטודענטן.

די ענדזשענירונג געביידע וועט פלאצירט ווערן אויף די אוניווערסיטעט'ס צפון קאמפוס אין עמהערסט. עס וועט ווייטער באפעסטיגן UB'ס פלאץ צווישן די לאנד'ס פראמינענטע פובליק פארשונג אוניווערסיטעטן. די געביידע וועט אויך העלפן UB פארמערן די סטעיט'ס STEM ארבעטסקראפט און עס מאכן מער פארשידנארטיג, און עס וועט טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג דורך געלערנטע פארשונג און פארשריט אין ארטיפישעל אינטעלידזשענס, קוואנטום וויסנשאפט, פארגעשריטענע מאטעריאלן און אנדערע טראנספארמאטיווע פעלדער.

די געביידע וועט האבן א "ענדזשענירונג זאל" וואס וועט אריינרעכענען פלאץ פאר סטודענט קלאָבס צו ארבעטן צוזאמען, און אזוי אויך ארבעט צימערן, סטודענט שטיצע סערוויסעס און פראגראמען וועלכע שטיצן דאס אויפשטעלונג פון נייע פירמעס און אנדערע ביזנעס אקטיוויטעטן.

דורך UB'ס פלאנירטע פארברייטערונג וועט די אוניווערסיטעט אויך האבן די מעגליכקייט צו אויפנעמען און אויפהאלטן מער סטודענטן וועלכע קומען פון הונטערגרונטן פון וועלכע עס זענען דא ווייניגער פארטרעטער אין אקאדעמיע אלץ ארבייטער – א פריאריטעט צו מאכן קלאסן פון ענדזשענירונג סטודענטן מער פארשידנארטיג. UB ארבעט אויף א רעגלמעסיגן פארנעם מיט קאמיוניטי ארגאניזאציעס צו העלפן צוגרייטן מיטעלע סקול און היי סקול סטודענטן פאר STEM פעלדער און בעפארשטייענדע קאריערעס. דורך פראגראמען ווי Tech Savvy, שטעלט UB צו STEM קאריערע קאנפערענצן וואס דויערן א גאנצער טאג, אויסגעשטעלט צו צוציהען מיידלעך צו די פעלדער און צו אויפקלערן פאמיליעס איבער STEM בילדונג און קאריערעס. צווישן אנדערע שותפות'ן, ארבעט UB מיט National Grid and Westminster Community Charter School צו אפפערן STEM הדרכה פראגראמען, אריינרעכענענדיג ערשטהאנטיגע וויסנשאפטליכע עקספערימענטן ביי UB צוזאמען מיט קלאסצימער וויסנשאפט לעקציעס.

**SUNY צייטווייליגע טשענסעלאר דעבארע פ. סטענלי האט געזאגט,** "איינמאל עס ווערט פארענדיגט וועט די געביידע זיין די היים צו איינס פון די שנעלסטע וואקסנדע פראגראמען אין UB, און עס וועט דינען אלץ א פארשריט צענטער פאר אונזערע STEM סטודענטן און די קומענדיגע דור פון קלוגע און פיאנירנדע מענטשן אין די צוקונפט. איך באדאנק פון טיפן הארצן גאווערנער האקול, אסעמבלי מאיאריטעט פירערין פיפעלס-סטאָוקס, סענאטאר קענעדי און די גאנצע סטעיט אסעמבלי און סענאט פאר זייער באדייטנדע אינוועסטירונג אין ערשט-קלאסיגע איינריכטונגען און ביזנעס געלעגנהייטן פאר ניו יארקע סטודענטן."

**באפעלאו אוניווערסיטעט פרעזידענט סעטיש ק. טריפעטי האט געזאגט,** "א נייע ענדזשענירונג געביידע איז פון לאנג געווען איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן, אזוי ווי עס וועט האבן א טראנספארמאטיווע ווירקונג נישט נאר אויף אונזער געלערנטע קאמיוניטי, נאר אויך אויף די פילע קאמיוניטיס וועם מיר דינען. אין זכות פון די טעכנאלאגיע וואס וועט אנטוויקלט ווערן דארט – וואס וועט שאפן וואוקס און הצלחה אין ביזנעס און אין אינדוסטריע – און די סטודענטן וועלכע וועלן געבילדעט ווערן דארט – וועלכע וועלן ביישטייערן פון זייער מומחיות'שאפט צו די ארבעטסקראפט פון מענטשן מיט הויכע סקילס – וועלן די עקאנאמישע בענעפיטן זיך פארשפרייטן צו די גאנצע ראיאן, סטעיט און נאך פיל ווייטער. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר אונזער מערב ניו יארק דעלעגאציע פאר זייער אנטשלאסענע איבערגעגעבנקייט צו UB'ס מיסיע פון אויסגעצייכנטקייט."

**דיען פון די סקול פון ענדזשענירונג און פראקטישע וויסנשאפט, קעמפער לוּאיס, האט געזאגט,** "אלעס ארום די נייע געביידע וועט אויספלאנירט ווערן צו פארבעסערן די ערפארונג פון סטודענטן. עס וועט זיין א צענטראלע פונקט זיך צוזאמצוקומען וואו אלע סטודענטן וועלן ענטפאנגען ווערן און געשטיצט ווערן אין א פלאץ וואס ערמוטיגט זיי צו נאכפאלגן זייער אינטעלעקטואלע נייגער און צו איבערקומען די גרויסע פראבלעמען קען וועלכע מיר, אלץ א געזעלשאפט, שטייען."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט שפיגלט אפ די צוטרוי וואס מיר האבן אין די באפעלאו אוניווערסיטעט'ס סקול פון ענדזשענירונג און פראקטישע וויסנשאפט און אין די אומפארגלייכליכע בילדונג וואס עס גיבט פאר אירע סטודענטן וועלכע זוכן געלעגנהייטן אין STEM אינדוסטריעס. מיט די פינאנצירונג אינוועסטירן מיר נישט נאר אין די ערפארונג פון באפעלאו'ס סטודענטן, נאר אין די ברייטערע ארבעטסקראפט אין סטאבילע, פארגעשריטענע און פארשונג-געטריבענע קאריערעס."

**סטעיט סענאטאר עדווארד ראט, דער דריטער, האט געזאגט,** "ווען מיר זענען געוואויר געווארן איבער די פארגעשלאגענע פארברייטערונג דורך די היי-יאריגע בודזשעט סעסיע, האט זיך די גאנצע

מערב ניו יארק דעלעגאציע באלד אוועקגעשטעלט צו שטיצן UB און זייער סקול פון ענדזשענירונג און פראקטישע וויסנשאפט. איך בין באגייסטערט פאר UB און פאר אונזער גאנצע קאמיוניטי. דאס איז אן אינוועסטירונג וואס וועט ברענגען באלדיגע פארדינסטן פאר אונזער סטעיט פאר די טרענירונג וואס זי וועט צושטעלן פאר אונזערע ענדזשענירן און פארזיכערן זייער הצלחה פאר די 21'סטע יאר הונדערט דזשאבס וועלכע ליגן פאראויס."

**אסעמבלי מיטגלידערין קערען מעקמעהאן האט געזאגט,** "ווען די באפעלאו אוניווערסיטעט האט צום ערשט פארגעשלאגן די נייע ענדזשענירונג געביידע צו פארמערן די צאל סטודענטן וואס שרייבן זיך איין, בין איך געווארן א שטיצער פון דעם פראיעקט. UB וועט זיך קענען פארברייטערן צו צושטעלן אן אויסגעצייכנטע בילדונג פאר ענדזשענירן מיט העכערע אויסזיכטן פון הצלחה וואס שפיגלען אפ די פארשידנארטיגקייט פון מערב ניו יארק און ווייטער. איך בין פרייליך צו זעהן דעם פראיעקט קומענדיג צו ווערן אויסגעפירט מיט די שטיצע פון אונזער גאווערנער און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור."

די 68 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג איז טייל פון א פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג דורך גאווערנער האקולאן סטעיט געזעצגעבער אין די SUNY סיסטעם, וואס רעכנט אריין א 255 מיליאן דאלארדיגע העכערונג אין אויפהאלטונג געלטער און מער פון 660 מיליאן דאלאר אין צוגעלייגטע אינוועסטירונג אין SUNY אליין. ביי UB וועלן אזעלכע אינוועסטירונגען העלפן די אוניווערסיטעט צו ערגרייכן איר אמביציע צו זיין צווישן דאס לאנד'ס גרעסטע 25 פובליק פארשונג אוניווערסיטעטן.

אין די אונטערנעמונג, ציהלט די אוניווערסיטעט צו האבן א גרעסערע ווירקונג אויף די געזעלשאפט דורכן פארמערן די געלערנטע פראדוקטיוויקייט און מאכן UB'ס פארשונג פעלדער מער פארשידנארטיג; צושטעלן פאר סטודענטן מאדערנע, פארשונג-באזירטע בילדונג ערפארונגען; בויען אויף UB'ס קולטור פון גלייכקייט און אינקלוסיוויקייט דורכן נאך מער אריינבויען ווירדן פון גלייכקייט אין אלע געביטן פון די אוניווערסיטעט; און פארטיפן דאס ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטיס אין די ראיאן דורכן פארשטערקערן שותפות'ן צו ביישטייערן צו פאזיטיווע העלטקעיר תוצאות און עקאנאמישע הצלחה.

**איבער די באפעלאו אוניווערסיטעט**
די באפעלאו אוניווערסיטעט איז א פראמינענטע, פארשונג-אינטענסיווע פובליק אוניווערסיטעט, און עס איז א הויפט מוסד פון די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק ( State University of New York, (SUNY). UB'ס איבער 32,000 סטודענטן ארבעטן צו נאכקומען זייערע אקאדעמישע אינטערעסן דורך מער פון 500 בעטשעלאר'ס, מעסטער'ס און פראפעסיאנאלע דעגרי פראגראמען. געגרונדעט אין 1846, איז די באפעלאו אוניווערסיטעט א מיטגליד פון די פארבאנד פון אמעריקאנע אוניווערסיטעטן (Association of American Universities, AAU) וואס באשטייט פון אמעריקע'ס פירנדע פארשונג אוניווערסיטעטן. AAU'ס 65 פארשונג אוניווערסיטעטן טראנספארמירן לעבנס דורך בילדונג, פארשונג און טעכנאלאגישע פארשריט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418